~~(387-8)~~
248

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4־3 (העפט 386) פינף און צוואנציקסטן יאָר מערץ־אפר. 1964 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

אין די אפריל טעג, ערב פסח תש״ג, 9'טער אפריל, פסח־באלאדעס ...... ** 1
אליהו הנביא אין פסחדיקן פאָלקלאָר (עסיי) ............ י. ריכטיגער 11
א פאסטוך ליד (לכבוד יום העצמאות) ............ דוד בערמאַן 14
הכנסת־אורחים (ליד) ............ יוסף לעפּטוויטש 15
א סעזאָן פון יידיש־טעאטער אין אמעריקע ............ עלען ווינאגראד 16
איוף טשוויטשענעס (ליד) ............ הערשל לעווקאָוויטש 20
דאס יזכור ליד וועגן מיכאלטשיק ............ פיוול יאוויטש 21
דאס מלחמה יאר 1914 (המשך) ............ א. נ. שטענצל 22
מאל איך אויס, עלעגיע (לידער) ............ דוד אפּאלאוו
הרב יהושע שפעטמאן ז״ל ............
וויכטיגער רעדאקציע נאטיץ
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

---

**פרייז 2 שילינג**

**אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאָר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר**

**אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—**

'LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

א. נ. שטענצל און איך האבן עס געהאלטן פאר א חוב נאכצוקומען זיין וואונטש, און מיט דער הילף פונם פארזיצער, פריינט ליכטיק, פון „סערקל־הויז" איז דער נאכמיטאג אדורכגעפירט געווארן. די טעמע איז ארומגערעדט געווארן, און איך האב פארגעלייענט א קאפיטל פון זיין בוך.

לײדער, אין דער בעסטער צייט פון זיין לעבן, ווען ער האט געהאט אויפ־געהערט צו ארבעטן און זיך געוואלט איינגאנצן ווידמען דעם ליטעראַרישן געביט, איז פאלושאקס חלום צעשטערט געווארן. דער טראגישער טויט מיט דער שארפער קאסע האט אלץ אפגעשניטן ! . . .

עס ווערט ווידער א ליידיק ארט אין אונזער גייסטיק־יידישן ישוב דא.

אין משך פון לעצטן יאר האבן מיר געהאט צו פארצייכענען א ריי פאר־לוסטן דא אין לאנדאן. עס זענען פון אונז אוועק שלמה אויערבאך, מאריס מינדל, א. בלום און איצט נאך אויך אליהו פאלושאק. גענוי ווי זיי, וועט ער דא אונז פעלן. כבוד זיין אָנדענק !

## דארא טייטלבוים

### ווייסט דער בוים אין וואלד ? (דאס ליד געליינט ביים שבת־נאכמיטאג)

ווייסט דער בוים אין וואלד
וויפל ער איז אלט ?
וויפל מאל ס'האט ווינטערס שווערד
זיין גרינע ציר געשליידערט צו דער ערד,
וויפל מאל ער האט אין טיפעניש פון זיך אליין
זיין יוגנט־ווייך פארהיט
און יעדן יאר ביים פרילינג ראנד
מיט פראכט דער ערשטער ווידער זיך צעבליט ?

ווייסן וועלדער
ווער ס'איז יינגער, ווער ס'איז עלטער
ווען צו זון זיך קרוינען ציען,
און ווארצלען צו די זאפטן אין דער טיף,
ווען ס'קומען פייגל צו נעסטן זייערע צופליען
און זינגען אומעטום צוגלייך
אז שווער צו וויסן ווערט
דעם בוים, דעם פויגל, צי דעם פרילינג גאר
דאס ליד געהערט ?

ציילט דער בוים, חשבנט ער און מעסט
די בראכן פון פארלענד ?
וויפל קנאספן נאך אין בלי
און צווייגן וויפל אף די שייטערס זיינע ס'האט
דער אמאן גאט פארברענט ?
ווייסט דער בוים אין וואלד
אז ער איז אלט
ביז רגע לעצטער
ווען צו האק
זיין שטאם באפאלט ?

---

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנארד באראן סעטלמענט — 3 אזייגער

שבת, דעם 29'סטן פעברואר — טראַדיציאָנעלער פורים פראגראם — שלום־שבת, דעם 7'טן מערץ : סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד פון זייער אמעריקא־טור.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־4 (העפט 386) פינף און צוואנציקסטן יאר מערץ־אפר. 1964 לאנדאן

## אין די אפריל טעג

פריילעך פלעגן די אפריל־טעג אנקומען,
פאר מיינע אויגן מיין גאנץ שטעטל געשטאנען;
פסחדיק־פריש־אנגעטון איז עס געווען,
אין נייע שטיוועלעך טאנצנדיק געגאנגען.

מיט אויסגעטרוקנטע בלאטעס אין דער זון,
סקריפעט עס, א יום־טובדיקס, אונטער די זוילן;
יעדעס בחורל, אין סאמעט היטעלע,
א געקרוינטער פרינץ אין קעניגרייך פוילן.

היינט אז איך טראכט פון פסחדיקן שטעטל,
איך זע א טויטן, א ליכט אים צוקאפן;
אין מיינע טרויריק־טרערנדיקע אויגן,
צעשמעלצט די זון, חלב־טריפנדיקע־טראפן.

פון אונטער פינסטער באפלעקטן טהרה־טוך,
שטארטשען ארויס, די בארוויסע פיס פון טויטן — —
מיט טויזנט אויגן קוקט, קופע אשוויץ־שיך,
צום הימל ארויף, א צעביילטן־צעבלויטן.

## ווואריאציעס

1

אנגעשוואלענע פארגליווערטע בליקן,
בלינד געווארענע מרה־שחוריקע אויגן;
ווי בלוי, ווי ליכטיק געוועזן זייער גלאנץ,
האבן זיך בלאנע־הייטלעך אויף זיי פארצויגן:

זיי קוקן שטייף און ליידיק אין וועלט אריין!
וואס פאר א צער דעם בליק צו זיי אויפצוהייבן —
בעטלערס זעען אויס די הימלען! און די זון —
סטעלערל די נדבות צונויפצוקלייבן.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

אין לאנדאן האט געווײלט אייניקע טעג אויף זיין דורכרייזע דער רעדאקטאר פון די „לעצטע נייעס" די איינציקע טעגלעכע צייטונג אין ישראל, מ. צאנין.

* * *

מארק טורקאוו אויף זיין קבלת פנ״ם, אויפגענומען ביי א גלעזל טיי פון יידישן וועלט קאנגרעס, און זשורנאליסטן פעראיין האט געהאלטן א רעפעראט איבער די יידישע ישובים אין דרום אמעריקע. דער חשובער גאסט איז באגריסט געווארן פון שרייבער. דעם פארזיץ האט געפי״רט דר. אהרן שטיינבערג.

* * *

משה בעקערמאן האט דורכגעמאכט אן אפעראציע און ער פילט זיך שוין א סך בעסער, מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

* * *

אייזיק גאלדבערג און זיין פרויע זיינען געפארן אויף א נסיעה קיין ישראל.

* * *

הענעך לעפטוויטש איז עולה קיין ישראל.

* * *

חנה קאווע איז געווען אויף א באזוך דא אין לאנדאן.

* * *

ביי דער פייערונג לכבוד דעם 25׳סטן יארגאנג „לשון און לעבן" האבן צווישן אנדער צוגעשיקט באגריסונגען, דר. ש. לעווענבערג, דר. מייטליס, א. מ. קייזער, דר. א. א. ראבאק, הערש פענסטער א.א.

מיט רעדעס האבן זיך באטייליקט נעט רובין, אייזיק גאלדבערג, י. א. ליסקי שמואל וו הייט, משה דאמב און עלען ווינאגראד. יידל גאלדבערג האט געזינגען פאלקס לידער. ביים קלאוויר רחל גאלדבערג. פארזיץ י. ב״עטש.

* * *

אין בן־אורי די אויסשטעלונג פון מאלער לאנדע, האט צוגעצויגן גרוי״ס אויפמערקזאמקייט.

ביי די שבת נאכמיטאגס האט עלען ווינאגראד און סעם גאלדבערג אפגעגעבן א גרוס פון זייער טור אין אמעריקע און געזינגען נייע מיטגעבראכטע לידער.

* * *

לויט ווי מ״ר הערן קומט דאס יידיש טעאטער פון פוילן אהער דא גאסטראלירן אויף אייניקע וואכן, מיר פרייען זיך זייער פון דער גוטער ידיעה.

* * *

ביי די סעמינארס האבן זיך לעצטן חודש באטייליקט: מיכאל זילבערבערג, י. א. ליסקי, י. ח. קלינגער.

* * *

הרב שפעטמן ז״ל וועלכער איז נפטר געווארן פערגאנגענעם חודש לאזט איבער א פרוי און א זון דא אין לאנדאן, צוויי טעכטער און איידעמס רבנים אין טשיקאגא און מעלבארן. מיט דריקן זיי אויס אונזער טיפן מיטלייד.

* * *

אין יידישן טעאטער גרענד פאלעי האבן די חברים גרופע אויפגעפירט א פיעסע פון הערי אריאל, וואס האט זייער אויסגענומען די אקטיארן, יעדער אויף זיין אופן האבן זיך גאר אויסגעצייכנט — א גרויסן יישר כוח!

* * *

משה אלמאן, א מיטארבעטער אין „לשון און לעבן" אין די בונדישע צייטונגען אין פאריז, אין אמעריקע איז געשטארבן, ער לאזט איבער א פרוי מיט צוויי טעכטער, א ברודער, דער קולטור־טוער אין מאנטשעסטער ש. אלמאן, מיר דריקן זיי אויס אונזער טיפן מיטלייד.

* * *

מאזין, פון יידישן בוך־געשעפט אין ווייטשעפל, איז געשטארבן, מיר דריקן אויס אונזער טיפע מיטלייד זיינע נאנטע.

* * *

## צום 75׳סטן יובל פון א גלאנץ לעיעלעס

מיר באטייליקן זיך אינם יום פון דער יידישער ליטעראטור, געפייערט לכבוד **א. גלאנץ - לעיעלעס** מיר שיקן אונזערע ברכות דעם גרויסן דיכטער — געזונט און שעפערישע כוחות — עד מאה ועשרים שנה.

— לשון און לעבן

2

מיינע צעהירזשע לידער צו דער זון,
אין די אפריל טעג ווען כ׳האב געשריבן,
ווי מיט א שווישטענדיקער פייף פון א בייטש,
די וואלקענעס פון הימל פארטריבן.

היינט, זאמלען זיי זיך ווי צו א לוויה,
זיי ווארטן אומרואיק אויפן ארון,
אויסצופלאצן מיט א געוויין, ווען די פערד,
שווארץ געהילט, וועלן מיט אים אנפארן.

3

אפריל הימלען, פינסטער צעפונקלטע,
נישט אין יענעם געטלעכן צוזאג זיי דערמאנען,
אז מיר וועלן זיין אנצאליק אזוי,
ווי די שטערן, וואס אין הימל פאראנען —

גיכער דער שטויב־צעפונקלטער מילך־וועג,
אינם אש־פריסעק פון קרעמאטאָריע־אויוון !
איך צייל, איך צייל, און אן צאָליק צומאל,
די הערמאַנטע נעמען בלויז פון מיינע קרובים.

4

די אויפגייענדיקע לבנה־נעכט,
ווי מרה־שחוריק טרויעריק זיי זיינען,
—פון די צוויי אויגן־לעכער די אפלען,
אויסגערינען פון האַלטן אין איין וויינען.

נאך סמוטנער ווען דער הימל נעמט בלייכן,
און איינס נאך ס׳אנדערע לעשן די שטערן !
זע, נישט נאר די אויגן ס׳גאנצע פנים
פון טרויער, ווי איינגעשרומפן ס׳וואלט ווערן.

## טריפטיך

1

תמיד ווען געווארט אויף די פרילינג טעג,
הארץ אויפגעטייעט — פארגליווערטער טייך,
אויפגעשפראצט — שפיץ־דערנדל־צוויט־געטאַנץ,
אויפגעפלאַטערט, גלייך דער שוואלב אין דער הייך.

אצינד גייט עס קריעה, צער־איבערפלייצט,
בלוט־אפענע־וונד — רויט אויפגעבליטע רויז ;
שאריען־געזאנג, שפראץ פון זון־אויפגאנג —
פיטשעדיק שוועלבל פישטשענדיק גייט אויס.



2

קאן מען זעקס מיליאָן מאָל איבערלעבן,
גאטס קללה אויפן אייגענעם לייב ?
וואס זיינען די אויסגעזוכטסטע ווערטער,
וואס כ׳קלייב ווי פערל זיי און פארשרייב ?

קאן מען טרערן אויף שנירלעך אויפציען ?
ס׳פארשנירלט זיך א פעטליע די קעל !
ווידער ווערט מיין פארשוויגן ווארט וויינען,
צווישן ריטם — מלרע ומלעל.

3

קאמער־טאָן — צוויט־געציטערט יעטווידן צווייגל,
צעבלומטע בייט געבלעטערט זיך ס׳נאטן בוך ;
בלויער הימל הערט זיך א פארטיפטער צו,
פארגאפט געאָטעמט, געזאנג־גרינעם גערוך —

בשמים־מבושימדיק, שוועלבל־שוועבנדיק,
האניק־קעלך — קעל־זיסלעך קולכל־געטריל !
ווערטער מיינע ווי אבלדיק־שווארץ איר ווערט,
ווען ס׳וואנדלען אן איצט טעג פון אפריל.

## ס א נ ע ט

ווען געטרעטן פאריאר אויף פוילישער ערד,
ס׳האט מיין יעדער טראָט אונטער מיר געוויינט,
פון יעדן שטיין — פון א מצבה געליינט,
אין יעדן בלאט־שארך א באקאנט קול געהערט.

און זייט הערמלט נישט איינגעשטילט, נישט אויפהערט,
וויפיל געוויינט, נאך אלץ נישט צוגעוויינט ;
און ווי דאס הארץ שוין געוואָרן פארשטיינט,
מיט יעטווידן קלאפ אויפגעציטערט עס ווערט —

ס׳גראַטשט ווי מיט נעגל, ס׳גריזשעט ווי מיט ציין,
פארשטיקט אין אים א קול קוים צו פארשטיין,
א לעבעדיק באגראבענער קלאפן כ׳הער.

ווי פארשטיינט ס׳הארץ מוז שוין זיין, אז ס׳האלט אויס — — — —
א צעשפיגלטע, אין איר גאנצער גרויס,
מיין שוועסטער, צימעלע, אין מיין יעדער טרער.

צוזאם מיט אייך, כ׳בין פארגאזט, פארברענט, פארקוילט,
קוים נאך א פונק אונטער אש איבערגעבליבן.

העלפט מיר די קופעס פון מיר אראפשארן,
דעם פונק אין א פלאקער צוריק אויפבלאזן — —
ווי א פאלק אן גאט, אזוי א גאט אן פאלק,
עפר ואפר, פארווארלאזט און פארלאזן.

## דאס געהערטע ווארט

(אין אשוויץ ביי דער שווארצער וואנט 1963)

ניין, עס דאכט זיך מיר נישט,
נישט פארמאכט איך האלט זיי —
די אויגן פארבונדן,
ביים־ווענטל, איצט דא כ׳שטיי.

אָשוויץ, די שווארצע וואנט,
כ׳ווארט, ס׳צילעוועט דער שאס !
מיין גאנץ בלוט גיט זיך מיר,
אין קאפ אריין א גאס —

א מיליאָנען געשריי,
פון אלע ס׳זעלבע ווארט,
און זייט העמלט, הער איכ׳ס,
ווו כ׳בין, אויף יעדן אָרט.

א, צו הייליק איז עס,
צו ברענגען פארן מויל,
טיף אין קאפ גליט עס,
א געטראפענע קויל —

„כ׳זאל פארגעסן מיין קאפ,
נישט נאר מיין רעכטע האנט,
אויב פארגעסן כ׳וועל עס,
ס׳ווארט ביי דער שווארצער וואנט״.

## דריי פסח - באלאדעס

*　　*　　*

פארוואס א פולע לבנה אין דער פסח־נאכט ?
מצה צו ברעכן חלילה ביים סדר נישט זיין,
וועט א ייד אויפהויבן די אויגן צום הימל,
און אויסברעכן וועט ער אין א גרויסן געוויין —
זע, א מצה־שמורה פריש פון אויוון ארויס,
באשיצט און באהיט פון כביכול אליין. (מאָטאָ)



## מים שלנו אין מאסקווע

(די באלאדע געווידמעט מלך שווארצן)

שעפנדיק מים־שלנו,
איבער דער מאָסקווא שטייט א ייד,
שעפטשנדיק, די אויגן פארגלייזט :
„גאטעניו, באשיץ און באהיט.

„יעדן מיט צוויי פולע עמער,
איך גיי איצט א קייגן מיט פרייד,
זאל דאך קיין בייז אויג״ — — און זיין בליק,
א פולער עמער איבערגייט :

„א, ווי איך דאנק דיר דערפאר,
וואס מען ברויכט שוין נישט מער אצינד,
כדי צו מאכן א בילבול,
הרגענען אן אומשולדיק קינד.

„וואס נעבעך עופלע שולדיק ?
און ווען א ממזרל צומאל — —
גאט, ס׳איז דער קאמף איצט קייגן דיר,
נישט ווי אמאל, שנאת־ישראל.

„א ייד טראָגט א פעקל מצות,
אייגן קינד פאקט אים ביי דער האנט,
און ברענגט צו פירן — א פרישן,
אויסגעבאקענעם שפעקולאנט.

„קיין ביילים, קיין בייז חלילה,
קיין קינדער־מערדער, קיין געפאר — —
און ער מיינט׳ס דאך אויך מסתם גוט !
גאטעניו, שטראף אים נישט דערפאר.

„קריעת ים־סוף — כזית־מצה,
ווי אפגעהיט מען מוז דאס זיין — —
ער מיינט דאך אויך חירות, פרייהייט !
קרום זיין וועג, שווערער נאך דאס גיין״ . . .

טראָגט דער ייד די פולע עמער,
ער ציטערט איבער יעדן טראפ ;
א בלוט־בילבול זעצט זיך די זון,
איבער דער מאסקווא, שטילינק אראפ.

צווישן די צווייגן, ווי מאסקירט,
קאסאקע, לבנה זיך באווייזט ;

איז עס נישט אן ענקאוועדיסט,
זיין וווייכער שריט אונטער אים שפרייזט ?

לאנג שוין נאך שקיעה, פינסטער שוין,
דער זון, דער קאמסאמאל, נישטאָ,
גייט דער ייד מיט מצה־וואסער,
אריין אין שטוב אין גוטער שעה.

## אליהו הנביא באלאדע

(עלעקן און אברהמלען)

. . . נאך גאנצן חשבון און געכגכפל,
פון אצבע אלוקים מיט גאטס האנט,
מכות אשר לא כתיבה בתורה, —
אז בכל דור ודור, אין יעדן לאנד — —

עפנט זיך די טיר אויף — „שפוך חמתך“ !
אליהו נביא קומט צו גיין,
בלייבט ער שטיין דרויסן פאר דער טיר,
און אין דער שטוב קומט ער נישט אריין :

„אז תירוץ אויף אלע קשאיות נאך,
„עבדים היינו“ — ביז אצינד ;
און איבער שטיקל לחם־עוני,
ס'גייט נאך אויס נישט איין הונגעריק קינד.

„וואס זיינען די סמנים, ר' יהודה'ס צומאל,
קייגן די פארמולעס פון אטאם ?
און קייגן די זינד אצינד פון מענטש,
באמת, א קינדער־שפיל — סדום ?

„שפוך חמתך על הגויים“, ווילאנג
צווישן פאלק און פאלק שנאה פארשפרייט !
איין שפאַן — פון שוועל צו צווייטער, — די ברייט,
די ווייט צו אחרית הימים־צייט.

„מיין גאנג איבער די לענדער אזוי לאנג,
ביז לעצטער קנעכט באפרייט איז פון יאך ;
דאס ארויסציען פון לאנד מצרים,
ביז היינט־צו־טאג ציט זיך אלץ נאך —

„לעט מיי פיפל גא“ ! הערט ס'שפאלט זיך די ערד,
ימים־געפלייץ — „אז ישיר“־געזאנג !
שווארצע מויער רעכטס, פינסטערע לינקס,
אינמיטן בלוטיקט וואגיקער גאנג —



„די מחנות אלע פיר שטורעם־ווינטן,
די פאן — ערד־צעפלאקערטער שאפאט !
א מארש, מיליאָנען הערצער צעהילכטע,
און גרויס פאראויס, טראט ביי טאט, גייט גאט —
— — — — — — — — — — — — — — — — —“

פארוואָר פון אליהו נביא'ס כוס,
ס'וועט הייאר נישט פעלן קיין איין טראָפ,
דאך ס'לעצטע ראד פון זיין וואגן כ'זע —
די פולע לבנה איבערן קאפ.

און פון פייערדיקן פערד גאלאפ —
דאס שטערן געשטויב אין מיטך־וועג !
נאך מאסקווע מסתם — סדר אין גלות
נישט בחנם געפראַוועט צוויי טעג.

## באלאדע פון גאלדן ציקעלע

א

טאקע דער זעלבער הלל איז עס געווען,
יענער וואס דעם מעגלעכן טייטש געגעבן,
צום „ואהבת לרעך“ —
אז מענטש מיט מענטש צוזאם זאל קענען לעבן :

ליבע מיינט חלילה נישט פארחלומט בלינד,
מיט ראָפע די אויגן רק זיך פארקלעבן —
נישט זיך אויפרעגן פון קיינעם, פון גארנישט,
ממילא, קיינעם נישט ברויכן פארגעבן.

ב

עס קוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן דער תם,
דער שאינו־יודע־לשאול — פארלעגן ;
נישט נאר דער רשע — אפילו דער חכם,
ער האלט צומאל אין איין קלאץ־קשאיות פרעגן.

„כן עשה הלל“, אז ס'ביסעלע מרור,
צווישן די מצות באהאלטן געלעגן, —
ווייט פונם אויג, ווייט פון הארץ, — „כן“ אזוי,
ס'ביטערע פון לעבן נישט אויפרעגן.

ג

און פסח ביים סדר, נאך אלע קשאיות,
ביים גלעזעלע ווייך ברידערלעך במסיבין, —
נאכן גאנצן אחד מי יודע שוין,
נאך־אלעם אויף הארץ זיך אנגעקליבן, —

וועט מען קאנען טייטשן אן פשטלעך,
פראָסט פשוט : „ואהבת“, דו זאלסט ליבן,
דיין חבר ליבן ווי דיך אליין,
און לגמרי נישט אויסזען איבערגעטריבן.

ד

ס׳איז דער זעלביקער הלל אויך געווען,
וואס געזען שווימען דעם קאפ אויפן וואסער,
ניין, נישט אויפגערעגט צומאל דעמלט געווען,
בלויז זיין הדרת־פנים א קאפעלע בלאסער :

און ווייל דו־א, א קאפ אפגעהאַקט, איז דיינער — —
און ווער דיינעם — ס׳מעסער שארפט שוין א האסער —
דער הלל געשטאנען פאר די אויגן אים —
פונם „חד־גדיא“־ליד דעם פערפאסער —

ה

ווי וואונדערלעך, ס׳וואסערל און ס׳פייערל,
מלאך המות מיט אריינגענומען,
איינער נאכן אנדערן, אן אונטערשיד,
יענער, וואס שלעכטס געטון מוז אומקומען.

דאס קעצעלע, דאס הינטעלע, דאס אקסל !
פון וועם שוחט רעכט צו טויטן באקומען ?
נישט א מעשהלע איז, עס נישט א לידל —
ס׳גאנצע לעבן — אינגאנצן גענומען !

ו

בלויז וואס ציקעלע נעבעך שולדיק,
געוואָרגן געוואָרן פון קעצל ווילדן ?
נישט געזאלט זיך לאזן פארקויפן,
א געבונדנס, פאר צוויי זילבערנע גילדן.

קוקט גוססדיק ציקעלע שטילינק ארויף,
מיט איין פארגלייזט אייגל און איינס א מילדן :
נישט נאר א מציאה אויפן מארק געווען —
מיין לעצט ביינדל נאך, מיט גאלד אפצוגילדן.

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“



י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## אליהו הנביא אין פסחדיקן פאלקלאר

שבת פאר פסח ווערט אנגערופן „שבת הגדול“, ווייל די הפטורה פון דעם שבת איז דאס לעצטע קאפיטל פון מלאכיס נביאות וואס ענדיקט זיך — „הנה אנכי שלח לכם את אליהו הנביא לפני בא יום הגדול“ : איך וועל שיקן צו אייך אליהו הנביא איידער עס וועט קומען גאטס טאג דער גרויסער. דאס הייסט : שבת הגדול האט באקומען זיין נאמען פון דער הפטורה אזוי ווי שבת חזון, שבת נחמו און שבת שובה האבן באקומען זייערע נעמען פון זייערע הפטורות. מען איז בארעכטיקט אנצונעמען, מחמת די חכמים זענען אין הסכם מיט רבי יהושע, — „בניסן נגאלו ממצרים ובניסן עתידין ליגאל“ : אין חדש ניסן האט מען די בני ישראל אויסגעלייזט פון מצרים און אין חדש ניסן וועט זיין די צוקונפטיקע גאולה, (ראש השנה י״א) זאגט מען די הפטורה, שבת פאר פסח, דאס לעצטע קאפיטל פון מלאכי וואס די טעמע איז משיחס צייטן.

מען מוז אבער גרינטלעך אנאליזירן דעם פאלקלאר אין די תלמודים און מדרשים וועגן אליהו הנביא, כדי צו פארשטיין־פארוואס מלאכי האט געגעבן די מיסיע צו אליהו הנביא, פון אויסגלייכן די סכסוכים ביים יידישן פאלק, ניט קוקנדיק וואס ישעיה, מיכה און אנדערע נביאים פאר אים האבן פאראויסגעזאגט אז א בן דוד וועט אויסגלייכן די סכסוכים ביים יידישן פאלק. (ישעיה י״א, את בריתי שלום“ : איך גיב אים מיין בונד פון שלום, (במדבר כ״ה) וואס איז מיכה ד׳) ראשית כל איז נויטיק אנצווייזן אז אויפן פסוק — „הנני נתן לו געזאגט געווארן אויף פנחם בן אלעזר הכהן נאך זיין קנאידיקן דערשטעכן זמרי בן סלוא, קאמענטירט תרגום יונתן בן עוזיאל — „ואעבדיניה מלאך קיים ויחי לעלמא למבשרא גאולתא בסוף יומיא“ : איך וועל פארוואנדלען פנחסן אין אן עקזיסטירנדיקן מלאך און ער וועט אייביק לעבן אנצוזאגן די גאולה אין סוף פון צייט. וואס איז אין דירעקטע סתירה מיטן פאראויסזען פון מלאכי, אז אליהו הנביא וועט מבשר זיין די לעצטע גאולה ? אבער מיט דער הילף פון אנדערע מאמרים אין די תלמודים און מדרשים קאן מען לייזן די סתירה. — רב שמעון בן לקיש באהויפטעט, אז פנחס איז געווארן אליהו הנביא און ער טייטשט אויס דעם פסוק — דער איבערשטער האט געזאגט — ווייל פנחס האט שלום געמאכט צווישן מיר און מיין פאלק ישראל מיט זיין קנאות קעגן זמרי בן סלוא, וועט ער דערפאר ווערן אליהו הנביא און זיין דער שלום מאכער צווישן מיר און מיין פאלק ישראל ווען די לעצטע גאולה וועט קומען. (ילקוט שמעוני פנחס כ״ה)

אבער די באהויפטונג פון רב שמעון בן לקיש האבן ניט אלע חכמים אנגענומען און רב אלעזר האט איר אפגעוואנדן. רב אלעזר האט ציטירט וואס דער פסוק זאגט ווייטער — „והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם“ — אז „ברית שלום“ מיינט ניט — פנחס וועט ווערן דער אייביקער שלום מאכער, נאר „בריתם כהונת עולם“ : דעם בונד פון דער כהונה גדולה אויף אייביק —

נאך זיין טויט וועלן זיינע קינדער ווערן כהנים גדולים. דאס הייסט: פון דער תורה לערנט מען אז פנחס איז געשטארבן, ניט פארוואנדעלט געווארן אין א מלאך פון שלום, ווי תרגום יונתן בן עוזיאל קאמענטירט און ניט געווארן אליהו הנביא, ווי רב שמעון בן לקיש באהויפטעט. (זעט אויך אבן עזרא במדבר כ״ה) דעריבער טאקי, וואס אליהו איז ניט פנחס און שטאמט ניט פון שבט לוי, האבן די חכמים ארגומענטירט אין בית המדרש וועגן אפשטאם פון אליהו הנביא. רב אלעזר האט געזאגט פון שבט בנימין, וואס איז צו זען אין דברי הימים — „ויערשיה ואליה וזכרי בני ירוחם כל אלה בני בנימן״. (דברי הימים־א. ח׳) און רב נהוראי האט געזאגט פון שבט גד, ווייל אליהו האט געוווינט אין גלעד און גלעד איז געווען איז דער נחלה פון שבט גד. (יהושע ג׳) האט אליהו זיך באוויזן צו זיי און דערקלערט, אז ער שטאמט ניט פון שבט בנימן און ניט פון שבט גד, נאר ער שטאמט „מבני בניה של רחל״: פון די שבטים וואס זענען געווען אייניקלעך פון רחל, פון שבט אפרים אדער שבט מנשה, דאס הייסט: ער איז א בן יוסף. (בראשית רבה פע״א, תוספות בבא מציעא קי״ד).

אין ליכט פון די דערקלערונג, אז אליהו הנביא איז געווען א בן יוסף, וועט זיין לייכטער פעסטצושטעלן דעם מאטיוו פון מלאכי. צו פארשטיין פארוואס ער האט אויסגעוויילט אליהו הנביא צו זיין דער שליח פון שלום, ניט קוקנדיק, וואס די נביאים האבן פאראויסגעזאגט אז א בן דוד וועט זיין דער שלום מאכער. און וואס אליהו הנביא איז ניט מסוגל געווען צו ברענגען שלום אין מלכות ישראל. ער איז געווארן צוגענומען פון דער וועלט ווייל וועגן קפדנות אדער רגזנות: אומטאלעראנץ אדער אויפגערעגטקייט האט ער ניט געקאנט מחזיר למוטב זיין מענטשן, נאר זיי דערהרגנען. (סנהדרין קי״ג, שמונה פרקים להרמב״ם פ״ז) דער אמת איז — אז דעם „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבות״: ער וועט שלום מאכן צווישן עלטערן און קינדער און צווישן קינדער און עלטערן, (מלאכי ג׳) האט מלאכי צוגעשריבן צו אליהו הנביא און דער מאטיוו הערפאר איז געווען, וואס ער האט נביאות געזאגט ביי די פארטריבענע פון מלכות ישראל, ניט ביי די פארטריבענע פון מלכות יהודה. א באווייז הערויף איז וואס זיין נאמען איז געווען זער ווייניק באקענט אין די שפעטערדיקע צייטן, איינער פון די חכמי התלמוד באהויפטעט אז מלאכי איז א פסעוודאנים פון מרדכי, א צווייטער זאגט — מלאכי איז א פסעוודאנים פון עזרא און דריטער — אז ער האט געהייסן מלאכי. (מגילה ט״ו)

נאך מער, מלאכי האט געלעבט אין דער צייט ווען כורש מלך פרס האט דערלויבט די יידן פון זיין אימפעריע צוריק צו קערן קיין ארץ ישראל און אויפבויען דעם בית המקדש. די ווערק פון חגי און זכריה, די אנדערע נביאים פון יענער צייט, זענען פול וועגן דער גרויסער היסטארישער געשעעניש, און אין דעם ווערק פון מלאכי געפינט מען אפילו ניט קיין רמז דערפון. מען קאן ניט פרעטענדירן אז ער האט ניט געהערט וועגן דער גאולה, מדי, ווו די פארטריבענע פון מלכות ישראל האבן געוווינט, איז דעמאלט געווען א טייל פון כורשס אימפעריע און זיין דעקרעט וועגן דער באפרייאונג פון יידישן פאלק



איז אומעטום פארשפרייט געווארן. נאר די ישראלים פון מדי האבן איגנארירט די געשעעניש, לויט זיי איז די כורש באפרייאונג געווען א משיח׳שע אוואנטורע, ניט די אמת וועלט־גאולה וואס דניאל האט וועגן איר געחלומט. מלאכי האט דעריבער גענצלעך פארשוויגן די פאסירונג אין זיין ווערק, אנשטאט דעם האט ער געמוסרט די פארטריבענע פון מלכות יהודה — „בגדה יהודה... כי חלל יהודה קדש ד׳ אשר אהב ובעל בת אל נכר״: וועגן די זינד פון ליב האבן ניט יידישע פרויען און לעבן מיט זיי, וואס אחיה השילוני — דער ערשטער נביא פון שבט אפרים — האט באנוצט קעגן שלמה המלך כדי אפצורייסן די צען שבטים פון מלכות בית דוד. (מלאכי ב׳, מלכים־א. י״א).

פארשטייט זיך, מלאכי האט בשום אופן ניט געקאנט איינשטימען מיט די נביאים פון מלכות יהודה, אז א בן דוד וועט ברענגען די גאולה און שלום צום פאלק ישראל, בפרט נאך, דניאל, וואס האט אויסגעחלומט דעם הימלישן מענטשנזון, דערמאנט ניט אז ער וועט זיין א בן דוד. מלאכי האט דעריבער אויסגעוויילט דעם גרעסטן נביא פון מלכות ישראל, וואס איז געווען א בן יוסף, איינער פון זייער הויפט שטאם, צו זיין דער צוקונפטיקער גואל און שלום ברענגער צום פאלק ישראל. נאר דער, וועמען דער אלמעכטיקער האט ארויפגענומען צו זיך לעבעדיקערהייט, האט לויט מלאכי און די פארטריבענע פון מלכות ישראל געקאנט זיין דער הימלישער מענטשנזון פון דניאלס חלומות. נאר דער, וואס האט קנאיש פארניכטעט די געצנדינער פון אפגאט בעל וועט קאנען משפטן די זינדיקע אין לעצטן יום הדין און נאר דער, וואס האט לעבעדיק געמאכט דאס געשטארבענע קינד פון דער אלמנה, וועט קאנען מחיה מתים זיין אין טאג פון וועלט גאולה.

ביז צום בר כוכבא אויפשטאנד האבן די חכמי התלמוד ניט גענומען אין אכט די חלומות פון דניאל און נביאות פון מלאכי, רבי עקיבא האט געגעבן דעם טיטל פון מלך משיח צו בר כוכבא און זיינע קעגנער האבן געווארט אויף א בן דוד. (ירושלמי עבודה זרה פ״ב ה״ב) ערשט נאכן דורכפאל פון בר כוכבא אויפשטאנד, ווען דער אכזריותדיקער טעראר פון רוימישן קייסער אדריאנוס האט געהאט אויסגעלאשן יעדע האפענונג פון א נארמאלע ישועה האבן זיי אין זייער פארצווייפלונג זיך געקלאמערט צו דער איבערנאטירלעכער וועלט גאולה פון דניאל און מלאכי. אבער אזוי ווי די חכמי התלמוד האבן בשום אופן ניט געקאנט איגנארירן די נביאות פון די פריעריקע נביאים, האבן זיי פארטיילט די ראלעס, בן דוד איז באשטימט געווארן צו זיין דער גואל און אליהו הנביא האט באקומען די ראלע פון א שלום ברענגער איידער די גאולה וועט קומען. (עדיות פ״ה מ״ז) און זייענדיק א בן יוסף האט זיך אין דער שפעטערדיקער ליטעראטור געשאפן די מיסטישע פיגור פון א משיח בן יוסף, (סוכה נ״ב) וואס וועט פירן מלחמות קעגן די יידישע שונאים און זעלבסט אומקומען אין קאמף, אזוי ווי דניאל האט געחלומט וועגן זיין הימלישן משיח. (דניאל ט׳)

ביידע פונקציעס, וואס מען האט צוגעשריבן צו אליהו הנביא, זענען

געוואָרן אַ טייל פון יידישן גלויבן. די חכמי התלמוד האָבן מיטן וואָרט „תיקו", צונויפגעשטעלט די ראשי תיבות פון „תשבי יתרץ קשיות והויות": אָנגעצייכענט אַז אליהו וועט פאַרענטפערן אַלע שווערע ענינים און אויסגלייכן אַלע סכסוכים (ברכות נ"ה, כתובות ק"ו) און אין די תלמודישע אגדות איז אליהו הנביא דער העלפער אין יעדע עת צרה. מחמת דעם וואָס ער קומט אומגעריכט צו העלפן אין נויט, האָבן די יידן אין גלות געגלויבט, אַז ווען אַ טיר עפנט זיך און קיינער קומט ניט אַריין, איז דער אומגעזעענער אליהו הנביא אַריינגעקומען צו שיצן זיי פון זייערע שונאים. און אַזוי ווי די צוקונפטיקע גאולה וועט אויך קומען אומגעריכט, קיינער ווייס ניט אין וועלכן פסח, האָט מען אייַנגעפירט די סדר־מנהגים: אָנצופילן אַ כוס של אליהו און צום זאָגן „שפוך חמתך" עפענען די טיר.

דער מאָטיוו פאַר דעם מנהג פון כוס של אליהו זאָל זיין — ווייל ווען אליהו וועט קומען וועט ער זאָגן צו מען מוז טרינקען פינף כוסות ביים סדר, ווי רבי טרפון האָט געפסקנט אָדער ניט. (רי"ף פסחים פ"י, הגר"א) אָבער די פראַגע איז — פאַרוואָס ווערט עס ניט געטוען ביי אַנדערע חילוקי דעות צווישן די חכמים אין אויסטייטשן מצות? און מחמת דעם וואָס רב סעדיה גאון זאָגט אין זיין סידור, אַז די גאונים פון פומבדיתא — בבל זענען געווען קעגן פינפטן כוס, איז שכלדיקער אָנצונעמען אַז די אַנדערע חכמים, וואָס האָבן געגלויבט אַז אליהו איז משיח בן יוסף און ער וועט קומען אין פסח, זענען אויסן געווען צו סימבאָליזירן מיטן כוס של אליהו, דעם אָנגעפילטן כוס פון יידישע טרערן אָדער בלוט. זיי האָבן דעריבער איינגעפירט דעם מנהג צו עפענען די טיר נאָכן אָנפילן דעם כוס און מיט אַ ברוך הבא באַגריסן דעם אומגעזעענעם אליהו הנביא, דערנאָך בעטן אים ער זאָל נקמה נעמען פאַר זייער אומשולדיק פאַרגאָסענע טרערן און בלוט. — „שפוך חמתך" — ער זאָל אויסגיסן זיין צאָרן אויף די נאַציִעס, וואָס האָבן פאַרצוקט יעקבן, ער זאָל זיי פאַרפאָלגן און פאַרטיליקן פון אונטער די הימלען . . .

## דוד בערמאַן

### אַ פאַסטוך - ליד (לכבוד יום העצמאות)

קומט אין פרילינג אַ זינגפויגל,
מאַכט אַ נעסט אין אַ ליב בוימל,
אויף אַ שיינעם, גרינעם בערגל;
זינגט אַ לידל דאָס קליין פויגל:

לאַ־לי־לי, לאַ־לי־לי,
אין דעם שיינעם ג־לי־ל לי.

קומט אַ פאַסטוך מיט די שעפסן,
הונדערט שעפסן און מיט גלעקלעך,
אויף דעם שיינעם, גרינעם בערגל
שפילט דער פאַסטוך אויף זיין פייפל:



לאַ־לי־לי, לאַ־לי־לי,
אין דעם שיינעם ג־לי־ל לי.

קומט פאַסטושקע אים צו העלפן
מיט די קליינע פרילינג־לעמער.
אויף דעם שיינעם, גרינעם בערגל
זינגט אַ לידל ס'פאַסטוך־מיידל:

לאַ־לי־לי, לאַ־לי־לי,
אין דעם שיינעם ג־לי־ל לי.

„קום צו מיר שוין, מיין שיין מיידל",
זינגט דער פאַסטוך ביי ליב בוימל
אויף דעם שיינעם, גרינעם בערגל;
שפילט זיך פאַסטוך אויף זיין פייפל:

לאַ־לי־לי, לאַ־לי־לי,
אין דעם שיינעם ג־לי־ל לי.

קומט דאָס מיידל נ'הוערט זיין ווייבל,
בויט דעם פאַסטוך אַ קליין הייזל
אויף דעם שיינעם, גרינעם בערגל;
זינגען חתן־כלה אַ שיין לידל:

לאַ־לי־לי, לאַ־לי־לי,
אין דעם שיינעם ג־לי־ל לי.

## יוסף לעפּטוויטש

### הכנסות אורחים

„כל דיכפין יתי ויכיל"

ס'שטייט מיין טיר ברייט אָפן,
ווער ווייל, זאָל קומען צו גיין,
צי ער קומט פון מזרח צי פון מערב,
פון צפון צי פון דרום, ס'איז מיר גלייך,
מיין טיר שטייט פאַר יעדן אָפן,
זאָל קומען צו מיר, אָרים צו רייך,
מיין גאַסט מעג יעדער זיין.

ער מעג קומען פון מזרח צו פון מערב,
ער מעג פון דרום אָדער צפון זיין,
ער מעג זיצן ביי מיר ווי לאַנג ער וועט וועלן,
און ווען ער וויל גיין, וועט ער מעגן גיין,
קיין דרום אָדער קיין צפון,
קיין מערב אָדער מזרח מעג ער גיין.

## עלען ווינאגראד

# א סעזאָן פון יידיש - טעאַטער אין אַמעריקע (דורך מיינע אויגן)

1. אייביקער אָפּטימיזם. 2. דאָס קורצע לעבן פון קונסט-טעאַטער.

אַן אינטערעסאַנטער סעזאָן פון יידיש-טעאַטער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1963 אין אַמעריקע, אינטערעסאַנט אין פאַרשידענע הינזיכטן. אַזוי ווי אַלעמאָל, אַזוי אויך הײַנט איז מײַן גורל צו דערציילן אײַך דאָ אין לאָנדאָן וועגן יידיש טעאַטער אין אַמעריקע.

איך בין זייער צופרידן זיך ווידער מיט אײַך צוזאַמען צו טרעפן און איבער־געבן אײַך מײַנע אײַנדרוקן.

אָנגעהויבן האָט זיך דער פאַריקער סעזאָן זייער שפּעט, אָבער שוין אין זומער איז געגאַנגען די רעקלאַמע. נאָטיצן און בילדער זענען דערשינען יעדע וואָך אויף דער טעאַטער-זייט סײַ אין טאָג-מאָרגן זשורנאַל און סײַ אין פאָרווערטס. דאָס ערשטע האָט מען קודם געגעבן דעם קינד א נאָמען נאָך אײדער עס איז געבוירן געוואָרן. דאָס הייסט, קודם האָט מען אַנאָנסירט די נעמען פון די פּיעסן, וואָס האָבן געדאַרפט געשפּילט ווערן; נאַטירלעך מיט „זייערע טאַטעס" — די גאַסטראָלאָרן, די גאַנצע „משפחה", דאָס הייסט די מוזי־קער און מיט קליינטשיקער שריפט די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געדאַרפט שפּילן. דאָס גייט אַן יעדעס יאָר. יעדעס יאָר בליט דער ענטוזיאַזם. די גאַסטראָלאָרן שמייכלען אַראָפּ פון דער טעאַטער-זייט. מען זאָגט צו „אַזוינס און אַזעלכעס". און אַזוי גרויס איז די ליבשאַפט פון דעם יידישן פּובליקום צום יידישן טעאַ־טער, אַזוי גרויס די האָפענונג, אַז יעדער איינער זיפצט: אפשר, אפשר!

און נאָך לאַנגע און וואַגיקע צוזאָגן קומט דער טאָג.

א, אומשטערבלעכער אָפּטימיזם! א, אייביקע האָפענונג!

די פּרעמיערע איז אַנאָנסירט, די פּרעסע־פאַרשטעלונג. אַלץ, וואָס האָט א שייכות מיט יידישער קולטור; אַלץ, וואָס אָטעמט מיט יידישקייט; אַלץ, שטעלט זיך צו, כּדי אָנטיילצונעמען אין דעם יום-טוב.

די ערשטע פּרעמיערע איז פאָרגעקומען אין „רוזעוועלט-טעאַטער" אין יוניאָן-סקווער, אויף דער 17טער גאַס. דאָס איז געווען א פּיעסע, וואָס איז שווער צו דעפינירן. אַן אָפּערעטע? א מוזיקאַלישע קאָמעדיע? איך ווייס נישט. געהייסן האָט די פּיעסע „ברודער, נישט געזאָרגט!" אונטער דעם נאָמען האָט מען געקאָנט שפּילן הונדערט פּיעסן און קיינער וואָלט נישט געקאָנט קלוגער ווערן. איך קען נאָר זאָגן, אַז דאָס איז געווען א קאָמעדיע מיט עטלעכע נומערן געזאַנג אַרײַנגעוואָרפן דאָ און דאָרט, כּדי צו דערהויבן דעם מיקראָסקאָפּישן סוזשעט.

דער גאַסטראָלאָר איז געווען מײַן אַלטער פרײַנט און אײַך אַלעמען גוט־באַקאַנטער קאָמיקער-זינגער, מאַקס פּערלמאַן, אַסיסטירט פון זײַן פרוי גיטאַ גאַלינאַ. מאַקס און רייזל באָזשיק האָבן אויך געשפּילט באַדייטנדע ראָלן. צו־



געהאָלפן האָט א קליינע צוזאַמענגעקליבענע טרופּע.

מאַקס פּערלמאַן איז אַן אָפּטימיסט. צו שטעלן אַזאַ פּיעסע אין ניו-יאָרק און צו האָפן, אַז דאָס פּובליקום וועט קומען אין טעאַטער — דאַרף מען טאַקע זײַן אַן אָפּטימיסט. דאָס מאָל האָט אים טאַקע דער אָפּטימיזם אָפּגענאַרט. איך קען אים פאַר א זייער פעיִקן אַקטיאָר, נאָר צו פאַרלאָזן זיך אויף נסים — דאָס איז אַביסל צופיל.

נאָר, ברודער, נישט געזאָרגט! עס קומט א נײַער סעזאָן מיט נײַער רעק־לאַמע.

ווי שטענדיק, האָב איך געלייגט גרויסע האָפענונג אויפן „אַנדערסאָן־טעאַטער". דאָס יאָר האָבן זיי געשפּילט א מוזיקאַלישע קאָמעדיע אונטערן נאָ־מען „מײַן ווײַב מיט קאָנדישאַנס", עכט אַמעריקאַניש. אין דער הויפּט-ראָל איז געווען לעאָ פוקס, אויך מרים קרעסין, סימאַר רערצייט און א גאַנצע שיינע טרופּע. אפילו לעאָ פוקס מיט זײַן אוניווערסאַלן טאַלענט אין א גאָלדגרוב פון חיצן, מיט וועלכע ער האָט געוואָרפן ווי א מיליאָנער מיט געלט, און מרים קרעסין מיט איר זינגען און שפּילן, האָבן נישט געקאָנט ראַטעווען די סיטו־אַציע. דער אינהאַלט פון דער פּיעסע איז געווען א שוואַכער, א קאַלטער און אַן אומגלויבלעכער. די מוזיק פון שלום סעקונדאַ שיין אָרקעסטרירט און לעבע־דיק געשפּילט פון א פײַנעם אָרקעסטער, האָט געגעבן א גרויסן בײַטראָג, אָבער . . . דער אָבער האָט זיך געצויגן איבער צוויי שעה.

וואָס וועט דער קומענדער סעזאָן ברענגען פאַרן אַנדערסאָן-טעאַטער?

לאָמיר האָפן דאָס זיי וועלן האָבן א גרויסן דערפאָלג. איך ווינטש זיי דאָס פון גאַנצן האַרצן. עס איז דאָך וויכטיקסטע טעאַטער אין ניו-יאָרק.

איך קום יעצט צו צו דער דריטער פּרעמיערע, און דאָ מוז איך זיך אָפּ־שטעלן אַביסל לענגער, ווייל דאָס איז נישט גלאַט אַזוי א פּרעמיערע. דאָס איז דער אָנהויב פון א נײַעם „יידישן רעפּערטואַר-טעאַטער אין עדיוקיישאַנאַל אַליינס אויף איסט-בראָדוויי. די פּרעמיערע איז דערוואַרטעט געוואָרן פון אַלע, פון דער פּרעסע און דעם פּובליקום מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם. דאָס האָט גע־דאַרפט זײַן דער אָנהויב פון א קונסט-טעאַטער. דער אָרגאַניזאַטאָר און רעזשי־סאָר איז געווען דער באַוואוסטער אַקטיאָר און זינגער, זשעק רעכצייט. דזשעק רייכצייט האָט געלאָזט וויסן אין אַלע פיר עקן פון אַמעריקע, אַז ער וועט אויפלעבן דאָס יידישע קונסט-טעאַטער און לייגן דעם ערשטן שטיין. אויסגע־קליבן פאַר דעם צוועק האָט ער לעאָן קאָברינס „דער דאָרפס-יונג", אָבער „יאַנקל בוילע". דזשעק רעכצייט האָט קאָברינס דראַמע מאָדערניזירט, גע־מאַכט דערפון א מוזיקאַלישע פּיעסע. דער אינהאַלט איז נישט געוואָרן גענע־דערט. ער האָט צוגעשריבן מוזיק און עטלעכע נומערן געזאַנג. אפשר האָט ער געמיינט, אַז דאָס וועט מער פאַראינטערעסירן דעם עולם. דער רעזולטאַט האָט אָבער נישט באַרעכטיקט די מי. צו מר. רעכצייטס קרעדיט מוז איך זאָגן, אַז ער האָט זײַן אויפגאַבע גענומען זייער ערנסט, שווער געאַרבעט און איך בין זיכער, אַז ער האָט געהאַט אַן ערנסטע כּוונה. עס קאָן זײַן, אַז ווען די מאַטע־ריעלע מיטלען וואָלטן נישט געווען באַגרענעצט, וואָלט עפּעס דערפון אַרויסגע־

קומען. די פרעסע? ד״ר סווערדלין פון „טאג־מארגן זשורנאל“ און חיים ערענרייך פון „פארווערטס“ האבן געגעבן זייער שטיצע אן רעזערוואציעס. זיי האבן געשריבן גוטע אפהאנדלונגען און געווען פארזיכטיק נישט צו שטערן מיט קיין ווארט דאס „קונסט־טעאטער“, נאר אומזיסט. נאך א קורץ לעבן פון קנאפע צוויי מאנאטן האט די „עדיוקיישאנאל אליינס“ צוגעמאכט אירע טירן און דאס ביקע „יידישע רעפערטואר־טעאטער“ איז געבליבן בלויז אן ערינערונג. ביי דער געלעגנהייט וויל איך אייך אדורכלייענען א קליינעם נאטיץ, וואס איך האב פארצייכנט וועגן דער פיעסע אין ניו־יארק:

„איך ווייס נישט וויאזוי צו באשרייבן די פיעסע, וואס איך האב געזען היינט אוונט, ,דער דארפס־יונג, אבער יאנקל בוילע‘, אין עדיוקיישאנאל אליינס. זאל איך מיך לאזן באאיינפלוסן פון מיינע געפילן, אבער זאל מיר דער קאפ, דער שכל זיין דער ראטגעבער. ווען איך זאל מיינע געפילן פאלגן, דאן מוז איך זאגן דאס די פיעסע, טראץ דעם וואס מען האט דארט געוויינט און געכליפעט כמעט די גאנצע צייט, האט מיך נישט באוויזן צו רירן; האט מיך איבערגעלאזט קאלט און גלייכגילטיק. דער שכל מיינער, דער קאפ, זאגט מיר אבער אריין א פסוק מיט א שטעקן. ,וואס הייסט, טענהט מיין קאפ,‘ ,וואס הייסט דו ווייסט נישט, אז דאס איז דער דארפס־יונג? דו ווייסט נישט אפצושאצן די ארבעט, וואס מען האט אריינגעלייגט אין דעם קונסט־טעאטער? וואס הייסט קונסט־טעאטער?‘ פישטשעט מיין הארץ מיט ווייטאג, ,קונסט־טעאטער דארף זיין מאנאטאן און לאנגווייליק? טעאטער דארף פארשטעלן טיפן פון לעבן און נישט קיין בלעכענע פיגורן, וואס דרייען זיך ארום אן א צוועק אויף דער בינע‘. ,זיי נישט קיין שוטה‘, טענהט מיין קאפ‘, דער דארפס־יונג איז אן אלטע פיעסע און די טיפן זענען שוין נישט מער אקטועל און דערפאר ביסטו נישט געווען מיטגעריסן‘. עס איז נישט אמת, ווערט זיך מיין הארץ, ,דער פראבלעם פון ליבע און פליכט וועט אייביק בלייבן אקטועל. אויב דו ביסט נישט געווען צופרידן, איז דאס דערפאר וואס די פארשטעלונג איז געווען כאאטיש, צואפט איבערגעריסן מיט כלומרשט פאלקס־געזאנגען און מעלאדראמאטיש איבערגעטריבן. עס האט זיך נישט געפילט קיין דארפישע אטמאספערע, קיין שטארקייט און לעבעדיקייט, און דערפאר איז די טראגעדיע ארויסגעקומען בלאס. עס האט אויסגעזען אזוי ווי די דראמע וואלט פון פריער שוין געווען צוגערייט‘.“

יעצט קום איך צו צו דער וויכטיקסטער אויפפירונג פון סעזאן. דאס איז געווען ה. לייוויקס היסטארישע דראמע „דער מהר״ם פון ראטענבורג“, געשפילט אין דער „פאלקס־בינע“ און רעזשיסירט פון דוד ליכט. צו דער פיעסע זענען געמאכט געווארן גרויסע באמיאונגען, ספעציעלע קאסטיומען און דעקאראציעס פון דער עפאכע זענען געשאפן געווארן. העניך קאן, דער באוואוסטער קאמפאזיטאר, האט געשריבן די מוזיק. די פיעסע אליין איז א מיסטישע אלעגאריע, וואס הויבט זיך אן אין קאנצענטראציע־לאגער פון דאכאו און גייט איבער לעגענדאריש אין דעם מיטלאלטער. די האנדלונג איז הויך אינטערעסאנט און שפאנענד. דאס האט געקאנט און אפשר וועט עס אמאל זיין א גאר



גרויסע דערשיינונג. די מעגלעכקייטן זענען דא, אבער עס פאדערט גרעסערע קרעפטן, ווי די „פאלקס־בינע“ פארמאגט. די געשטאלטן אויף דער בינע דערגרייכן נישט דעם מחבר — א שאד. דאך קומט דער „פאלקס־בינע“ א דאנק און אנערקענונג פאר זייער פארנעם און ווילן.

איך קען מיר נישט פארטעלן, אז אין לאנדאן זאל קענען פארקומען אזא פייערלעכע פרעמיערע. ניו־יארק איז רייך אין יידישער קולטור, שרייבער, מאלער, ארטיסטן, מוזיקער און מענטשן פארבונדן מיט יידישער קולטורעלער ארבעט. עס האט געזשומעט און גערוישט.

איך קען נישט אדורכלאזן די יערלעכע פארשטעלונג פון דער יידישער אקטיארן־יוניאן. אזוי ווי יעדעס יאר, איז עס פארגעקומען אין דעם „אנדערסאן־טעאטער“.

שבת אוונט, דעם 4טן יאנואר, האט זיך פארזאמלט א ריזיקער עולם, כדי הנאה צו האבן און דעמאנסטרירן זייער לאיאליטעט צו די יידישע אקטיארן אין אמעריקע. געשפילט האט מען א קאמעדיע אונטערן נאמען „יאסל דער הילעבילי“ (נישט אזא גליקלעכער איסוואל), ווי אויך א קאנצערט־אפטיילונג. דער קאנצערט איז באשטאנען פון צוויי טיילן. אין ערשטן טייל זענען געווען לידער און סצענעס פון גאלדפאדנס פיעסן, פיין פארגעשטעלט פון מאקס באטשיק, און געזונגען פון א רייע שוישפילער און זינגער. אין דער צווייטער טייל האבן אויפגעטרעטן ענגלישע סטארס. די פארשטעלונג איז געווען א גרויסער מאטעריעלער דערפאלג.

אין מיין היינטיקן באריכט וויל איך דערמאנען דעם „טעאטער פון פרץ“, א נייער עקספערימענט. אויף דער סעקאנד עוועניו, אויף דער 12טער גאס, איז פאראן א קליין, שיין טעאטערל, וואס פירט אויף הויפטזאכלעך ליטערארישע רעוויוס פאר יוגנטלעכע. דאס מאל האבן זיי אויפגעפירט דראמאטיזירטע קורצע דערציילונגען און בילדער פון י. ל. פרץ שאפונגע אויף א גאר אינטערעסאנטן אופן. די בינע האט נישט קיין פארהאנג. אלץ קומט פאר אייערע אויגן. עס נעמען אנטייל בלויז דריי אקטיארן, און זיי זענען די שוישפילער, „נארייטער“ און דעקאראציע־איבערשטעלער. צוויי מענער און איין פרוי. די הויפט־פיגור איז געווען צבי סקולער, דער באוואוסטער שוישפילער, אנאנסער און מיטארבעטער פון דער יידישער ראדיא־סטאנציע W.E.W.D. ער האט פארטרעטירט פרצן אויף א מייסטערהאפטן אופן און געשפילט אויך די הויפטראלן. די שנעלקייט, מיט וועלכער אלע דריי אקטיארן גייען איבער פון איין כאראקטער צום צווייטן, איז ווירקלעך צו באוואונדערן. איין זאך איז נאר א שאד, אז דאס קומט פאר אין ענגליש. די איבערזעצונג איז שיין און אין בעסטן געשמאק. אבער . . .

עס זענען נאך פארגעקומען ספאראדישע פארשטעלונגען מער אדער ווייניקער באזוכט.

דער נאציאנאלער ארבעטער־פארבאנד האט ארויסגעשיקט א טרופע אויף דער פראווינץ פון אמעריקע און קאנאדא. זיי האבן אויפגעפירט א מוזיקאליש פאלקס־שפיל באזירט אויף מענדעלעס דערציילונג, וואס זיי האבן אנגערופן

„מסעות בנימין השלישי‟, אונטער דער דירעקציע פון בן־באנוס, רעזשיסירט פון דוד ליכט.

נישט צו זיין הינטערשטעליק, האט דער ארבעטער־רינג ארויסגעשיקט א טרופע. זיי האבן אויפגעפירט א פאלקס־שפיל באזירט אויף געבירטיקס לעבן און שאפונגען. די טרופע איז געווען אנגעפירט פון דעם באוואוסטן ישראל קאמיק, שמואל פישער.

דאס אלץ האט אריינגעשריבן א נייעם אינטערעסאנטן בלאט אין הער געשיכטע פון דעם יידישן טעאטער אין אמעריקע, און איך האב עס אייך איבערגעגעבן ערלעך, אזוי, ווי איך האב עס געזעען דורך מיינע אויגן.

## הערשל לעווקאוויטש

### אויף טשוויטשעניעס

עס איז נאך האלבער נאכט, לאנג נאך צום טאגן,
דער שטאט־זייגער האט נאך קיין פינף נישט געשלאגן,
און דער הימל איז נאך מיט וואלקענעס באדעקט.
אין קאשאר דער דזשורני ער לויפט שוין און שרייט :
„אויפשטיין, שנעלער, עס איז שוין הויכע צייט !‟
און די שלאפענדע זעלנער ער וועקט.

עס עפנט יעדער פויל אויף די אויגן,
און שנעל אויף זיך די קליידער אנגעצויגן ;
און אלץ ווערט געטוען אין געאייל.
אויך פון קיין וואשן איז יעצט די צייט,
און פון קיין עסן איז יעצט נישט קיין רייד.
נאר מיר מוזן שוין גיין אין שטאל.

געקומען אין שטאל, איז לאנג נישט געקלערט,
נעמט מען זיך גלייך פוצן דאס פערד.
און אויך דאס זאטל ווערט אפגעפוצט ריין,
און עס קומט אן די שעה אויף פרישטיק מען גייט,
דאן מוז מען געדענקען, אז קורץ איז די צייט,
אין שטאל מוז מען ווידער באלד גיין.

יעצט נעמט מען מיט זיך די ביקס מיט דער שווערד.
געקומען אין שטאל און מען זאטלט דאס פערד,
און אויפן איבונגס־פלאץ שטעלן מיר זיך אויס,
און עס קומט אן דער פארוטשניק און א קאמאנדע זיך הערט
„נא קאניאך !‟, און שוין זיצט יעדער אויף זיין פערד ;
אויף טשוויטשעניעס רייטן מיר ארויס.



מיט געזאנג, איבער פעלדער און וועלדער גאנץ שנעל,
און ווידער דערהערט זיך דעם פארוטשניקס באפעל :
„זינגען און אהיים צוריק !‟
מען רייט, ווערן מידע, די פערד פארשמאכטן,
מיר קומען, טאר מען וועגן זיך נישט טראכטן,
די פערד אנפאיען ווידער נעמען, אין אויגנבליק.

(איבערגעגעבן פון זיין לעבנגעבליבענעם ברודער **הענעך**)

## דאס יזכור ליד וועגן מיכאלישאק

פארפאסט פון פיליפ אלווי (פייוול יאוויטש)

מיכאלישאק, מיכאלישאק,
מיין שטעטעלע מיין קליינע,
צו איז געווען נאך אזא שטעטל,
אזא ליבינקע אשיינע.

דיינע בערגלעך, דיינע פעלדער,
שווער איז צו פארגעסן אייך,
די סאסנאווע גרויסע וועלדער,
מיט דעם פליסנדיקן ווילִיע טייך.

טייער בינסט געווען ביי מיר,
מיין לעבהארציג שטעטעלע,
אלץ געשיינט האט אין דיר
יעדער בוים און בלעטעלע.

תמיד וועל איך אייך געדענקען,
יעדן שטיינדל, יעדעס ברעטל,
אייביג בלייבסטו אין מיין הארצן,
מיין ליבע, גוטע, שטעטל.

אפארגעניגן דיינע ווינטערס,
דיינע זומערס א גן־עדן,
ווער האט זיך אין יענער צייט,
מיט דיר געקאנט צושיידן . . .

יעדע שעה, און יעדע רגע,
נאר פון דיר איך טראכט,
ווייל מיינע בעסטע קינדער יארן,
האב איך ביי דיר פארבראכט.

א־תל געמאכט פון דיר מיין שטעטל,
אלץ פארטיליגט, און צושטערט,

אויס גיהרגעט אלע אידן,
און אויסגעגלייכט דיר, מיט דער ערד.

פארשאלטן זאלן זיין,
די היטלערישע הענט,
וואס האבן דיר פארניכטעט,
צובראכן, און פארברענט.

איך בייַנק נאך דיר, מיכאלישאק,
מיין שטעטעלע מיין שטילע,
יעדן טאג ריכט איך אפ,
פאר דיר צו גאט אתפילה.

ווער קען דערציילן אזוי פיל,
ווי די בענקשאפט איז אין מיר,
און ווען צו ווייטאגט איז מיין הארץ,
אקדיש זאג איך דאן פאר דיר.

## א. נ. שטענצל

## דאס מלחמה-יאר 1914

(המשך פון קאפיטל)

3

די מלחמה איז אנגעגאנגען מיט גרויסע שריט; דאס „באזעצטע געביט" איז שוין געווען ווייט איבער לאדזש, אויפן האלבן וועג קיין ווארשע. און ווי משונהדיק דאס פארטיילן פון די שטעט און דערפער צווישן די אקופאנטן, דעם דייטש און עסטרייכער, איז נישט געווען, אזוי אז די שטאָט איז אפגעשניטן געוואָרן נישט נאר פון אירע גרויסע מסחרים פון ווייטע רוסישע גובערניעס, נאר אפילו פון די נעבנדיקע שכנישע שטעטלעך און נאנטע דערפער — ווו מ'האט זיך געגעבן אדריי איז געווען א גרענעץ! אבער דאס לעבן האט זיינע אייגענע געזעצן און גייט אן מיט זיין דרך.

נויט, ארעמקייט, עפידעמיעס פון איין זייט, אבער פון דער אנדערער זייט איינפאלן און שפעקולאציעס, אוואנטורע און בטחון, און דאָס לעבן גייט ווייטער.

די נייע גרענעצן און די באגרענעצונגען פון לעבן אויף שריט און טריט, די באפעלן פון שטאב־קאמענדאטן און פון לאקאלע גארניזאן־אפיצירן, אבער דווקא זיי, אט די נייע גרענעצן און באגרענעצונגען, האבן באשאפן נייע מקורות פון פרנסות און לעבנס־מעגלעכקייטן — די נויט העלפט זיך אליין! דער ווילן צום לעבן איז שטארקער ווי דאס טויטער געזעץ.

די דערפער קומען נישט אין שטאָט אריין, גייט די שטאָט אין דארף ארויס — אז מען ברויכט וועמען, פארבייגט מען דעם כבוד! די קאמענדאנטן, די



אפיצירן, די זעלנער האבן צוגעהאלפן, געווען מיט־שותפים; די „פריילינס" האבן באקומען „פאסיר־שיינען", די ווילע־יונגען — גוטע־ברודער; מאכערס האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן. די פויערים קומען נישט אין שטאָט אריין מען רעוודירט, מען רעקוויזירט אויף שאָסיי, ביי דער ראגאטקע, טראָגט מען פון שטאָט אין דארף און אומגעקערט פון דארף אין שטאָט אריין; דאס געלד האט נישט קיין ווערט, טוישט מען סחורה מיט סחורה.

עס זיינען נישטא די נויטיקע פראָדוקטן, זיינען דערפינדער אויפגעשטאנען, ענטדעקער; געפינען אין סקלאַדעס, אין קעלער, פארלאנגענע סחורות, ענטדעקט ערזאץ־פראָדוקטן, אויפגעפרישט אלטווארג, איבערניצעוועט, אפגעפריש, אפפאלירט — עס גלאנצט, עס שמעקט.

די פאבריקאנטלעך, די מענטשן מיט איינפאלן, סוחרימלעך קאמבינאטאָרן צוזאם מיט ספריטנע בעלי־מלאכות, האבן קאבינירט, אינסטאלירט אין ווארשטאַטן, אין קעלערס, אין קיכן זייפן זידערייען, בראנפן ברויערייען.

אין בלעכענע בייַנקעס אויף די לייבער האט מען דאס געפאדערטע, דאס געזיכטע אין די דערפער ארויסגעטראָגן און אין טאָרבעס, אין זעקלעך, אין די פארנייטע פאלעס האט מען דאס לעבנסנויטיקע געברענגט פון די דערפער.

וואס מען האט נישט אלץ געברענגט? נישט נאר מעל און קארטאפל, בוראקעס און מערן — געשאָכטענע עופות און קעלבערעס, גאנצע זייטלעך.

ווי ביי אונז האָט זיך באוויזן דער נס מיט דער קופע מיאל, האט זיך ביי אנדערע מסתם באוויזן אנדערע נסים און יעדער אויף זיין אופן האט זיין נס האט זיין אוצר „מענטשלעך" אויסגענוצט און „פארצוקערט". אבער סוף כל סוף, ווי גרויס די וואונדער זיינען נישט געווען האט אזא שטאט ווי טשענסטאכאוו נישט געקענט לעבן פון גאלע נסים, און דאס לעבן האט זיך אנגעהויבן צו נארמאליזירן — די שפיליטערס און די רעיעלע סוחרים מוזן אויך לעבן! און ס'האבן זיך אויף דער ראמפע גענומען באווייכן טאווארעווע צוגן מיט כל ערליי סחורות, וואגאָנען מיט קוילן. די שטאָט האט אויפגעלעבט.

די מענטשן האָבן געהונגערט, די קינדער זיינען אויסגעגאנגען, און אויב אויפברעכן אזא טאווארעווע וואגאן, אראפכאפן א קאסטן סחורה פון א וואגן איז געווארן פון די נארמאלע זאכן, — ווי צענעמען פלאטן צום איינהייצן! — אבער אהיימצוברענגען אין סקלאד אריין א וואגאן קוילן, און ווען ס'זאל פון אים נאר בלייבן צומאל נאר א האלבער, איז ממש געווען מעשי נסים.

איידער מען האט אים געזען פאר די אויגן, דעם באוויזענעם נס, דעם וואגאן קוילן, האט שוין א דריטל פון אים געפעלט, און פון דער ראמפע אין סקלאד אריין, דאס אהיימפירן אים אויף די וועגענער איבער דער שטאָט אין דער צווייטער דריטל איז צעגנבעט געוואָרן.

קוילן ווערן געליווערט פון די קוילן־גראבן אין אפענע וואגאנען. ביי יעדן 6־5 וואגאן איז דא א בוטקעלע און ס'זיצט א שומר, אז מ'זאל נישט אראפ גנבענען; אבער ביי דער נויט, איז — אדער דער שומר איז איינס מיט די גנבים, אדער ער קומט צו פארן א טויטער! — בכל אופן פון וואגאן פעלט שוין לכל־הפחות א דריטל.

און ערשט אהיימפירנדיק האס געבליבענע אויף די וועגענער איבער דער שטאָט באַווייזן זיך די קליינע גנבימלעך; איינער כאַפּט זיך אַרויף אויפן וואַגאָן און וואַרפט אַראָפּ שטיקער קוילן, און קליינוואַרג לויפט נאָך און קלויבט אויף.

אז א קוילן־סקלאַד האָט באַקומען „צוגעטיילט“ פון א שפּיליטער אַזאַ וואַגאָן קוילן, האָבן אַלע געסלעך אַרום עס שוין געוווּסט און ער איז „צעכאַפּט“ געוואָרן אין איניקע פאַר שעה, אָבער, אַז מ׳האָט אויסגעציילט דאָס לייזעכץ איז פון גאַנצן מסחר, נישט לא דאי מ׳האָט נישט פאַרדינט, נאָר נאָך צוגע־לייגט. ס׳איז געווען א טומל, א גערויש, א „מחיה“ אַרום אַזאַ וואַגאָן קוילן, אָבער די מיחיה האָבן מיר נאָך אַלץ געצויגן פון דעם מיאל אוצר. עס איז שוין מער נישט געווען דאָס זשאַבן — ווייל יעדן טאָג האָט זיך באַוויזן א וואַגאָן קוילן אין אַן אַנדערן סקלאַד, און די גנבים און גנבימלעך האָבן אויך געטראָגן זעקלעך און טאָרבעס קוילן אין די הייזער אַריין צו פאַרקויפן — אָבער גענוג, אַז דער טאַטע זאָל זיצן דרויסן אין סקלאַד און מאַכן פדיון ס׳זאָל זיין אויף צו לעבן; ברוך דיי יום יום.

די מלחמה איז אַנגעגאַנגען ערגעץ ווייט, מ׳האָט מער נישט געהערט אין שטאָט די ווייטע האַרמאַטן שאָסן; די געפאַנגענע און די גערעניעטע, דאָס ליפערן פון מיליטער און אַמוניציע איז שוין געגאַנגען דורך ווייטערע גרענעץ־וועגן און פּריש־געמאַכטע באַן־ליניעס. דאָס לעבן אין שטאָט האָט זיך נאָרמאַ־ליזירט“, געגאַנגען אויף נייע רעלסען“ — מ׳האָט „געשמירט“ און מ׳איז גע־פאָרן! אָבער אין מיר, די מלחמה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין מיר — זייט ס׳האָט מיך, ווי א מלאך אין הימל אַריין א פאַרפלאָטענער ציטער פון וואַרעמע פינגער צוגעפירט צום ליכטיקן פענסטערל פון בוידעם, צום הימל אַרויס, און איך האָב געליינט די פאַר צענדליק זייטלעך פון די „קליאַטשע“, פון דעם „צער בעל חיים“ בוך פון מענדעלע מוכר־ספרים, — האָט זיך די מלחמה ערשט אָנגעהויבן! א נישט איינגעשטילטער כוח אין מיר האָט זיך גענומען רייסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; א געראַנגל ווי פון אַגראַנאַט אויפגעריסן צו ווערן.

(שלוס פון קאַפּיטל קומענדיקן חודש)

---

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

שבת, אחרון של פסח, דעם 4׳טן אַפּריל — די 49׳סטע יאָרצייט פון י. ל. פּרץ — י. ביִעטש, מנשה ווייסגראַז, נעט רובין, מאיר באַגדאַנסקי און דער אַקטיאָר יידל גאָלדבערג.

שבת, דעם 11׳טן — יום העצמאות־פייערונג.

שבת, דעם, 18׳טן — לייענען פון חורבן־ליטעראַטור.

שבת, דעם 25׳סטן, צו די שלושים פון הרב יהושע שפּעטן ז״ל: י. ח. קלינגער וועט ריידן איבער הרב שפּעטמאַנס „בגלופין“ נעט רובין, י. ביִעטש וועט לייענען פון בוך.

## וויכטיקער רעדאַקציע נאָטיץ

לײַדער איבער טעכנישע סיבות, האָט מען דאָס דרוקן געמוזט אָפּשטעלן אינמיטן און דער נישט געדרוקטער מאַטעריאַל, ווי די דערציילונג פון י. ביִעטש, דער פעליעטאָן פון א. מ. קייזער, דער שלוס פון מיין קאַפּיטל, דאָס מלחמה יאָר 1914 וועלן קומען אין קומענדיקן נומער אין מאַי נומער. מיר ענטשולדיקן זיך פאַר אונזערע לייענער וואָס וועלן ערשט באַקומען דעם פּסח־נומער צו די אַנדער טעג פּסח און אויך פאַר די ווייניקער זייטלעך און קומענדיקן נומער וועט אַלץ זיין בסדר. בעיקר טוט מיר ווי וואָס די פּסח־דערציילונג פון י. ביִעטש איז נישט אַריין אין הייַנטיקן פּסח־נומער, אָבער ס׳איז דאָך פאַראַן ביי יידן א פּסח־שני און דער קרבן ווערט געבראַנגט; די מאַשין האָט געזאָגט „עד כאן אומרים בשבת הגדול“.

באמת, ביי די אומשטענדן וואָס „לשון און לעבן“ קומט אַרויס און ביי דעם מאַנגל דאָ אין יידישע זעצער איז דאָס אַרויסקומען פון הייַנטיקן נומער אויך אָנגעקומען מיט קריעת ים סוף, און מען מוז אָפּגעבן א שבח, אַז ער דער־שיינט כאָטש צו שבוע של פּסח.

### דוד אַפּאַלאָוו

### מאָל איך אויס . . .

מאָל איך אויס א פויגל;
ציט עס אים צו פליען,
מאָל איך אויס א בלימל,
הויבט עס אָן צו בליען,

צייכן איך א טייכל,
לויכט ער ווי א שפּיגל,
מאָל איך אויס א מלאכל;
וואַקסן אים אויס פליגל.

### ע ל ע ג י ש

זינט דאָס גליק,
ווי א פויגל און האַרבסט
האָט מיך פאַרלאָזט,
דאָס לעבן ווי אַן אַלטער נאָגל
איז פול מיט ראָסט,
עס לויכטן ניט מער
בענקשאַפטס רובינען,
ווי דער ליכטיקער באַגרינען
וואָלט אַרונטער פון זינען.

---

### אַברהם מאַרעװסקי ע.ה.

מיר באַטייליקן זיך אינם טיפן טרויער איבערן טויט פון באַרימטן אַקטיאָר און שרייבער **אַברהם מאַרעוווסקי** ע.ה. — לשון און לעבן

אונזער טיפן טרויער איבערן טויט פונם נעסטאָר פונם יידישן טעאַטער אין פּוילן **אַברהם מאַרעוווסקי**. — חברים־טרופּע גרענד פאַלעי

---

## הרב יהושע שפעטמאַן ז״ל

הרב יהושע שפעטמאַן ז״ל איז נישט נאָר געווען אַ מפורסם אין ווייטשעפּעל, אין דער שכונה ווו ער האָט געוווינט, ווו ער איז געווען אַ מעורב בין הבריות, ווו ר׳איז געווען קנאַפּע פיר צענדליק יאָר דער רבי פון דער בערדיטשעווער שול, וואָס איז דורך זיין מי און זיין פּערזענלעכקייט געווען און געבליבן די אָנגעזעענע שול אין ווייטשעפּעל, נאָר ער איז אויך געווען דער אָנגעזעענער רב פון „ועד־הרבנים״ ביי דער „פעדערעשן״. מיט זיין הדרת־פנים, מיט זיין יידישלעכן התלהבות געגעבן דער קהילה אַנזען און כבוד.

הרב שפעטמאַן איז געווען אַ פּוילישער ייד מיט אַלע כאַראַקטער שטריכן פון אַ פּוילישן חסידישן ייד. דער פונק וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט האָט זיך געקענט צעפלאַקערן און אָנצינדן אַנדערע.

הרב יהושע שפעטמאַן איז אַ יליד לובלין, וואָס דאָס אַליין איז שוין צו עפּעס מתחייב, דער חשובער נפטר האָט געהאַט אייגענע זכות אבות און איז געווען דער איידעם פון באַרימטן פּוילישן רב הרב נוח בראַווער, מחבר פון די ספרים „פּרי עץ הדר״ און „קדושת הר הבית״ וואָס איז לסוף ימיו געווען רב אין אַלט־ירושלים.

דער יינגער הרב שפעטמאַן אַ למדן, אַ בעל הוראה, איז נאָך אין אַמאָליקן וואַרשע, דער ראש־ישיבה פון אָסטראָווצער רבי׳ס ישיבה, אַ בן־בית ביי פּוילישע און ליטווישע גאונים, אַ יוצא ונכנס ביי קדוש הלל צייטלין און געבליבן זיין ידיד כל־ימיו; ער איז אויך געווען איינער פון די מנהיגים פון מזרחי אין פּוילן.

הרב יהושע שפעטמאַן ז״ל, דער תלמיד־חכם און קאָמפּלי צירטע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געשריבן און געדרוקט זיינע מאמרים און דרשות אין יידיש — מחבר פון צוויי ספרים אין יידיש „חבלי הנשמה ומוסר היהדות״, „בגילופין״ און פון די „קונטריסים״! — האָט נישט נאָר ליב געהאַט די עמד־שפּראַך יידיש נאָר אויך ליב געהאַט בלב ונפש דעם האַראַפּאַשנעם ייד, און אַליין געווען אַ סאָציאַלער מענטש מיט ווייטגייענדיקע הומאַנע מחשבות.

הרב שפעטמאַן, דער רבי פון דער בערדיטשעווער שול, האָט געפירט זיין עידה יידן אויף היימישן פאָלקסטימלעכן שטייגער מיט עין יעקב בין מנחה־למעריב, מיט גמרא שעורים און דרשות יעדן שבת און מיט יידישע שרייבער און פריינט פון יידיש לשון געהאַט סימוכת הפּרשות און געפירט מיט זיי גרויס פריינטשאַפט.

הרב יהושע שפעטמאַן ע.ה. איז איינער פון די לעצטע אָנגעזעענע רבנים, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין ישוב ווייטשעפּל געלעבט אין כבוד און נפטר געוואָרן בשיבה טובה — חבל על דאבדין!

ת.נ.צ.ב.ה.

---

### לזכרון פון די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ - אויפשטאַנד

זונטיק, דעם 19׳טן אַפּריל 3 אַ זייגער אין אַדלער האַל, אַדלער סטר. א.1.

איינגעאָרדנט פון „פריינט פון יידיש לשון״, „רידינג־רום״ און בונד

עס וועלן ריידן: י. ביעטש, ריטשאַרדסאָן, און סעם לעף

רעציטירן און זינגען קאַצעט לידער י. רובין און מאיר באָגדאַנסקי

די הזכרה — לעאָן בלומענזאָן

---

249

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 389) פינף און צוואַנציקסטן יאָר מאַי 1964 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

בנשיקה, דעם בלינדן חזקאלס נייער אקדמות, אַ רייזעלע לכבוד שבועות,
א פּרילינג־ליד ............................................ ** 1
עזרא הסופר אין שבועות־פאָלקלאָר (עסיי) ............................ י. ריכטיגער 7
תפילין (ליד) ............................................ יוסף לעפּטוויטש 9
דאָס גומל־בענטשן (דערציילונג) ............................ יהודה ביעטש 10
כרמל־ליד (פּאָעמאַ) ............................................ עלי זילבערג 13
מיין ישראל דערלעבעניש ............................ יידל גאָלדבערג 14
אַנטאָניוסעס רעדע ביי צעזאַרס קבר (פון „יוליוס צעזאַר״ ............................
וויליאַם שעקספּיר 18
א שיילאָק־סערענאַדע, צייט־לידער און סעזאָן־סאַטירעס, „פידזשן רעלי־דזשן״ א.א., דאָס מלחמה־יאָר 1914 (לידער און פּראָזע־המשך) ............
א. נ. שטענצל 22
פּאַריזשער יידישע ביכער און שרייבער. ............................ משה דאָמב 49
לאָנדאָן קולטור ידיעות ............................................ 50
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָג
רעדאַקציע נאָטיץ
400׳סטער געבוירן יאָר פון וויליאַם שעקספּיר

## ראַדאַקציע - נאָטיץ

די דערציילונג „יאָסעלע״ פון משה בעקערמאַן, די לידער פון י. בריקס, דער עסיי פון עלען ווינאַגראַד, דער אַרטיקל איבער שלמה אויערבאַך, אַלץ אין קומענדיקן נומער. ס׳איז אַריינגעקומען אַ טעות אין נעקראָלאָג איבער אונזער פאַרשטאָרבענעם מיטאַרבעטער מ. אַלמאַן ע.ה. ער האָט נאָכגעלאָזט נאָך זיך נישט צוויי טעכטער, נאָר אַ זין מיט אַ טאָכטער. מיר זאָגן זיי און זיין ברודער נאָבאָמאַל: זייט געטרייסט — ד.ר.

---

פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*